# תורת אביגדור

באידיש

## הגאון ר' אביגדור מיללער זצ"ל

**מהודרת אחת שאלתי**

**לע"נ הרה"ח ר' חיים שמואל מאיר ב"ר יצחק פינחס וואלהענדלער ז"ל**

נלב"ע כ"ב שבט תשע"ב לפק

## פרשת וארא

# עפען דיינע אויגן

**פרנס השבוע**

נתנדב

**לכבוד שמחת הנישואין**

**בבית משפחת פרידמאן - וואלדנער**

ויה"ר שהזיווג יעלה יפה ושיזכו לבנות בית נאמן בישראל ולדורות ישרים ומבורכים

◆◆◆

זיכוי הרבים יעמוד לכל הנדבנים החשובים, ומשתתפים בהדפסה, והפצה, שיזכו לראות רב נחת מכל יוצ"ח ולהתברך בכל מילי דמיטב.

רב אביגדור מיללער'ס

# Marriage Insurance



יסודות'דיגע שיעורים אויף

## בנין בית נאמן בישראל

געבויט אויף די קלארע און
לויטערע תורה השקפה פון
הרה"צ ר' **אביגדור**
**מיללער** זצוק"ל

פארגעלערנט דורך

## הרב פינחס וואלהענדלער שליט"א

יו"ר ארגון תורת אביגדור

בהסכמת גדולי הרבנים

פלעצער זענען באגרעניצט, רופט שוין:
(732) 844-3670 ext. 4
RavMillerMarriage@gmail.com

בעריכה מיוחדת
גליונות לשבת קודש

© Copyright 2021 by: *TorasAvigdor.org*

**Email:** Director@torasavigdor.org | **Telephone:** 347.451.0332
**Address:** 1276 50th street, Brooklyn NY 11219

# פרשת וארא

שנה ג׳

# עפען דיינע אויגן

## תוכן:

חלק א. מיטלעבן ניסים - חלק ב. מיטלעבן און איגנארירן - חלק ג. מיטלעבן און לערנען

## חלק א. מיטלעבן ניסים

### צוועקפולע מכות

ווען מיר קומען צו פרשת וארא דארפן מיר פראבירן צו פארשטיין די פשוט'ע סיבה פון די אלע מכות וואס זענען געקומען אויף מצרים. בשעת מיר ליינען אין די תורה פון די וואונדערליכע געשעענישן וואס האבן פאסירט אין יענע תקופה, טארן מיר עס נישט אדורכגיין בלויז ווי א תורה ערציילונג, נאר מיר דארפן טראכטן איבער די פאלגנדע שאלה: וואס איז געווען די כוונה וואס דער באשעפער האט געהאט מיט אויפשפילן אזעלכע מערקווירדיגע פאסירונגען?

עס איז אייגנטליך זייער וויכטיג פאר אונז דאס צו פארשטיין קלאר ווייל עס נעמט ארום א גרויסן טייל פון אונזער געשיכטע און עס איז א גרויסער חלק פון אונזער תורה. און פאר אונז איז עס וויכטיג נישט בלויז אין פארבינדונג מיט אונזער סדרה פון די וואך; מיר וועלן באלד זען אז די לערעס דערפון זענען לעבנסוויכטיג פאר אונזער וועלטליכער בליק און אונזערע פריוואטע טאג טעגליכע לעבנס.

די תורה זאגט זייער אפן אז די מכות זענען געקומען צוליב: **וְיָדְעוּ מִצְרַיִם כִּי אֲנִי ה'** - און די מצריים זאלן וויסן אז איך בין דער באשעפער (וארא ז:ה). עס שטייט איינמאל, און נאכאמאל און נאכאמאל ווערט עס איבערגע'חזר'ט: **בַּעֲבוּר תֵּדַע** - כדי איר זאלט וויסן, **כִּי אֵין כָּמֹנִי בְּכָל הָאָרֶץ** - אז עס איז נישטא אזוי ווי מיר (שם ט:יד). איז איינמאל פאר אלעמאל לאמיר דאס ארויסהאבן קלאר - דער ציל פון די צען מכות איז געווען צו אויסלערנען אז עס איז דא א באשעפער אויף דער וועלט.

### א געמישטע געזעלשאפט

צי האבן די צען מכות מצליח געווען מיט זייער ציל? אויסדריקליך! זיי האבן גאר שטארק מצליח געווען! אידן זענען אלעמאל געווען א באזייטיגט פאלק; פון אנהייב זענען מיר געווען 'א פאלק וואס לעבט אפגעזונדערט' (במדבר ט:כג). מיר האבן זיך נישט אויסגעמישט מיט הייראטן, מיר האבן זיך נישט אויסגעמישט מיט אנדערע פעלקער. און דאך האבן מיר צווישן אונז, אין אונזער

פאלק, א געמיש פון בלוט פון אנדערע ראסן. עס זענען דא אלע סארטן ראסן צווישן אידן ווייל זייער פיל מענטשן זענען געקומען פון די פעלקער דורכאויס די דורות און זיך פאראייניגט מיט אונז - צומאל אין זייער גרויסע ציפערן.

אבער קיינמאל אין די היסטאריע האט נישט פאסירט אז אזא גרויסער צאל פון גרים זאלן ווערן א טייל פון אונזער פאלק ווי עס האט פאסירט ווען מיר זענען ארויס פון מצרים. **וְגַם עֵרֶב רַב עָלָה אִתָּם** - א גרויסער געמיש זענען ארויף מיט דאס אידישע פאלק (שמות יב:לח). 'ערב' מיינט געמיש און 'רב' מיינט א גרויסער צאל. זיי זענען אזוי באאיינפלוסט געווארן פון די לערעס פון די מכות אז זיי האבן זיך צוגעשלאסן צו אונזער פאלק; דאס מיינט, אז אין צוגאב צו די צוועלף שבטים זענען א גרויסער צאל פון די מצרי'שע גרים מיטגעקומען ארויס פון מצרים. און צוזאמען זענען זיי געקומען צום הר סיני און זיי האבן געזאגט נעשה ונשמע כאחד - און זיי האבן עס געמיינט ערנסט!

און פיל פון זיי האבן נאך דורות צווישן אונז ביז היינט. מיר האבן צווישן אונז מער מענטשן פון מצרי'שער אפשטאם ווי פון סיי וועלכע אנדערע ראסע. היינט צוטאגס קענען מיר שוין נישט נאכגיין די שרשים פון זייער אפשטאם אבער זיי זענען צווישן אונז. עס זענען דא ערב רב וואס זענען אויסגעוואקסן זייער גרויס אין תורה. עס איז נישט קיין ספק אז מיר האבן תלמידי חכמים און באוואוסטע ראשי ישיבה דורכאויס די דורות וואס שטאמען פון זיי.

## פארשטיין די הגדה

אלזא, צו פארשטיין בעסער ווי באדייטפול דאס איז, דארפן מיר פארשטיין אז עס זענען געווען פיל בני ישראל וואס זענען נישט ארויס פון מצרים! עס איז געווען א היבשער צאל אידן וואס זענען געבליבן אין מצרים.

מיר זענען צוגעוואוינט צו זאגן אז די רשעים זענען געבליבן אין מצרים. מיר זאגן אין די הגדה של פסח אז ווען דער זון, דער רשע, רעדט, זאגט אים דער טאטע, **אִילּוּ הָיָה שָׁם, לֹא הָיָה נִגְאָל** - אויב וואלסטו געווען אין מצרים וואלסטו נישט אויסגעלייזט געווארן."

איז טראכטן מיר אז די אלע וועלכע זענען נישט ארויס זענען געווען רשעים. אבער באמת זענען זיי נישט געווען רשעים ממש, נאר זיי זענען נישט געווען אזוי גוט ווי די וועלכע זענען ארויס און נאר די בעסטע זענען ערלויבט געווארן ארויסצוגיין. די וועלכע זענען ארויסגעגאנגען זענען גערופן געווארן תרומה - פונקט ווי די תרומה, דער ספעציעלער טייל וואס ווערט אפגעשיידט פון די תבואה, אזוי איז אויך געווען מיט דער טייל פון דאס אידישע פאלק וואס זענען ארויס פון מצרים. די עם ישראל וואס איז ארויס פון מצרים איז געווען די תרומה.

אבער דער אמת איז, וואלטן ווען די וואס זענען צוריק געבליבן געלעבט היינט, וואלטן זיי אהער געשטעלט איינס פון די שענסטע קהילות. עס וואלט געווען א מאה שערים, על כל פנים א בארא פארק זיכער; מיר וואלטן געווען שטאלץ מיט די אזוי גערופענע 'שלעכטע'. עס איז נאר אז אין פארגלייך צו די גרויסע דור וואס איז ארויס פון מצרים, זענען זיי נישט געווען ראוי, און זיי זענען צוריק געבליבן.

## פלייסיגע תלמידים

און יעצט קענסטו אנהייבן צו פארשטיין ווער די ערב רב זענען געווען. זיי זענען געווען די

בלום פון מצרים, די אינטעלעקטואל אַריסטאָקראַטיע פון מצרים. נישט ווי די וועלט מיינט אז זיי זענען געווען עפעס א משלחת מלאכים רעים, עפעס א צוזאמלויף פון כל צרוע וכל זב. ניין! די עם ישראל וואלט נישט ארויס גענומען קיין רשעים מיט זיך ווען זיי זענען ארויס פון מצרים, בלויז די בעסטע האבן זיי געלאזט מיטקומען מיט זיי.

ווי אזוי האט אזא זאך פאסירט צווישן די מצריים? ווי אזוי האט פאסירט אז מענטשן האבן אויפגעגעבן זייערע פארמעגנס און איבערגעלאזט זייערע פאלאצן צו ארויסגיין אין די מדבריות און אויסוועלן צו טיילן זייער גורל מיט א פרעמדע פאלק?

דער ענטפער איז, די מכות! די מכות זענען געווען אזא קלארער באווייז פון די האנט פון באשעפער אז פיל מצריים זענען גענצליך איבערגעטזייגט געווארן; עס האט זיי געטזישט פון קאפ ביז פיס און זיי געמאכט ווערד צו ווערן פאראייניגט מיט אונז. די מענטשן זענען אריבער א קורס פון טרענירונג; דער ערשטער קורס איז געווען דם, און דער צווייטער קורס איז געווען צפרדע - א שטערקערער אופן פון אנערקענונג אין באשעפער. כינים איז געווען נאך א קורס; יעדע איינע פון די מכות איז געווען א לערנונג פאר זיך און יעדעס מאל וואס א נייע מכה איז געקומען אויף מצרים, זענען די מענטשן געווארן פארנומען עס אפצולערנען.

אודאי זענען די אידישע קינדער געווען די פלייסיגסטע שילערס. אבער אין די פאלאצן פון מצרים, זענען די אינטעליגענטע אויך געווען פארנומען עס צו באשמועסן. און די דאזיגע מצריים וועלכע האבן געמאכט די גרעסטע פארשריט אין די לערנונגען, די וועלכע האבן גראדואירט מיט אויסצייכענונגען, זיי זענען געווען די וועלכע האבן זוכה געווען צו פארלאזן מצרים מיט די אידישע קינדער.

## פרעה דער נאר

און דאך, אין די זעלבע צייט, ווייסן מיר אז טייל פון די עליטע פון מצרים האבן גארנישט קונה געווען פון די לעקציעס; פרעה און זיינע נאנטע מיניסטארן האבן פארמאכט זייערע אויגן; זיי האבן נישט געלערנט פון די פאסירונגען. **וַיֶּחֱזַק לֵב פַּרְעֹה וְלֹא שָׁמַע אֲלֵהֶם**, פרעה האט הארט געמאכט זיין הארץ און ער האט נישט צוגעהערט צו זיי (וארא ח:טו). מכה נאך מכה האט ער נישט געוואלט זען דעם באשעפער אין דאס וואס האט פאסירט ארום אים. אנדערע יא; די גוטע האבן געזען און זיי זענען געווארן איבערצייגט. **הַיָּרֵא אֶת דְּבַר ה'**, די וועלכע האבן געוואלט עפענען זייערע אויגן האבן געזען דעם באשעפער. זיי האבן זיך ארומגעקוקט און געזאגט **אֶצְבַּע אֱלֹקִים הִוא** - דאס איז דער פינגער פון באשעפער (שם.). אבער פרעה און זיינע נאנטע מיניסטארן האבן גארנישט געזען.

ווען דער נילוס איז פארוואנדלט געווארן אין בלוט; איבער גאנץ מצרים האבן מענטשן געגרעדט. "קוק אויף דעם! דער נילוס איז רויט! דער נילוס איז רויט!" מענער און פרויען, אינגלעך און מיידלעך, האבן גערעדט דערפון בייטאג און ביינאכט. ס'איז געווען א מערקווירדיגע סצענע!

איז טראכטן מיר, אויב דער נילוס איז פארוואנדלט געווארן אין בלוט איז אלעס ערלעדיגט. ס'איז א נס וואס באאיינפליסט יעדן! און וואס איז מיט פרעה? זענען מיר איבערצייגט אז פרעה איז געווען א פארטעמפטער נאר! ער און זיינע מיניסטארן זענען פשוט געווען צערודערטע משוגעים, טראכטן מיר.

## פרעה דער פראפעסאר

אבער נישט אזוי איז געווען. מיר ווייסן אז אין מצרים אמאל איז געווען שטודירונגען אין

א גרויסע מאס ביי די העכערע קלאס. פרעה איז נישט געווען קיין תם און ער איז אויך נישט געווען בלינד. נאר ער האט געזאגט וואס פיל מענטשן זאגן היינט - מען קען עס ליינען אין די מאדערנע ביכער אויף'ן בייבל, די קאלעזש אויפלאגעס פון אוניווערזיטעט פראפעסארן - אז עס האט פאסירט פון צייט פון צייט אז א געוויסער אלזשען האט זיך באוויזן אין די וואסער, א רויטער באציל, וואס אונטער געוויסע אומשטענדן קען זיך עס זייער שנעל פארמערן און עס מאכט די וואסער אויסזען בלוטיג.

נישט אזוי לאנג צוריק, אין די מיטלאלטער תקופה, האבן מיר געליטן פון אזעלכע טאריעס. די קאטוילישע קירכע האט געהאט א שיטה פון 'טראנספארמאציע'. זיי האבן געהאט געוויסע וואפלעס וואס זענען געהאלטן געווארן אין די קירכע און איינע פון די פרינציפן וואס זיי האבן געלערנט איז, אז די וואפלע איז די פלייש פונעם אותו האיש - אז זיין פלייש ווערט געגעסן. ווען די גלוביגע זענען זיך צוזאמגעקומען האבן זיי געגעסן איינע פון די וואפלעס און געמיינט אז זיי עסן פאקטיש זיין פלייש.

## בלוטיגע וואפלעס

למעשה איז די שיטה הייס דעבאטירט געווארן צווישן זייערע געלערנטע ביז זיי האבן עס ענדליך געקענט "אויפווייזן", ווייל צומאל ווען זיי זענען אנגעקומען אין די קירכע אינדערפרי האבן זיי געזען אז די וואפלעס זענען געווען רויט, זיי האבן געהאט אויף זיך א רויטליכער קאליר. "אהא!" האבן זיי אויסגעשריגן, "די וואפלעס בלוטיגן!" דאס איז א באווייז, האבן זיי געזאגט, צו די שיטה פון טראנספארמאציע; ס'איז בשרו ממש, ס'איז פאקטיש דעם ממזר'ס פלייש.

פארוואס אבער האט די וואפלע אנגעהויבן בלוטיגן? וואס האט מיטאמאל פאסירט? אהה; אויף דעם האבן זיי געהאט אן ערקלערונג. הערט צו די חכמה בגוים: זיי האבן געזאגט אז עס מוז זיין אז עפעס א שלעכטער איד האט זיך אריינגעכאפט אין די קירכע אינמיטן נאכט און געשטאכן די וואפלע מיט א זשילעט, צו נקמה נעמען אין זייער רעטער.

איר פארשטייט שוין ווי קלוג דאס איז. א איד וואלט איינגעשטעלט זיין לעבן פאר אט די הנאה, ווייל דער איד האט עס אויך 'געגלייבט'; זיי האבן זיך איינגערעדט אז דער פרומער איד גלייבט אין זייערע נארישע גלויבנס און אז ער איז אויך אזוי איבערצייגט מיט זייער שיטה אז דאס איז די פלייש, אז ער האט אריינגעשטאכן א זשילעט דערין. און מיר האבן געליטן צוליב זייערע נארישע באשולדיגונגען. די אידן האבן באקומען וואס עס איז זיך זיי "געקומען" - נישט נאר דער איינער וועמען זיי האבן באשולדיגט, נאר די גאנצע געמיינדע האט געליטן.

## אויפדעקן דעם בלוט בלבול

מיט די צייט איז דער ענין נאכגעפארשט געווארן און יעצט ווייסן זיי אז עס איז דא א געוויסע רויטליכע מיקראארגאניזם וואס וואקסט אויף וואפלעס און קען זיך שנעל פארמערן. און צומאל זעט עס אפילו אויס ווי בלוט. היינט האלטן זיי די קירכע וואפלעס אין פריזשידער, אבער אין די מיטלאלטער תקופה איז עס געהאלטן געווארן אין שאכטלעך און דערפאר איז נישט קיין וואונדער אז אזעלכע זאכן האבן פאסירט.

אלזא, פרעה האט זיכער געהאט ערפארונג מיט אזעלכע סארט זאכן; ער איז נישט געווען קיין נאר. ער האט געזאגט, "דער נילוס איז רויט?! איך בין נישט אזא תמים. עס איז פשוט א רויטליכער

באציל וואס פארמערט זיך שנעל און דאס האט רואינירט דעם טייך." ס'איז אמת - אמאל איז דא א רויטליכער באציל וואס מען קען טרעפן אין די וואסערן.

## ביישטיין דעם דרוק

אין אמת'ן ווייס איך נישט פונקטליך וואס פרעה האט געזאגט, אבער דאס איז זיכער אז פרעה האט נישט בלויז געקוקט אויף די וואסער ווי א נארישער אקס און נישט געוואוסט וואס צו זאגן. אה ניין, ער האט געהאט געענוג וואס צו זאגן. און ער האט גערעדט צו זיינע שרים, "לאזט אייך נישט פארנארן דורך דעם כיטרען מענטש. פארגעסט נישט, משה איז אויפגעוואקסן אין אונזער פאלאץ; ער איז א געלערנטער מענטש און ער איז אויך נישט קיין יוגנטליכער - ער איז שוין אכציג יאר אלט - ער קען די סימפטאמען; ער ווייסט די אלע טאקטיקן. עס קען זיין אז ער האט געשמעקט אדער געקאסט די וואסער און ער האט שוין פון פאראויס געוואוסט אז אונטער די אומשטענדן וועט דאס מעגליך פאסירן. ער האט געקענט פאראויס זאגן אז מארגן וועט דאס פאסירן. לאזט אייך נישט נארן דורך דעם שווינדלער!"

אזוי האט פרעה געהאט פארשידענע ערקלערונגען און דערפאר האט ער געקענט שטיין פעסט קעגן די השפעות וואס האבן אים געדארפט צו באווירקן דורך די מכה פון דם. קוק, מען האט געדארפט זיין זייער א גרויסער עקשן צו זאגן אז דער נילוס איז רויט צוליב מיקראארגאניזמס אבער זייער א שטארקער עקשן האט דאס געקענט זאגן.

ביי יעדע מכה איז געווען אזוי. יעדע מכה וואלט געקענט פארענטפערט ווערן, אויב איז מען אן אמת'ער עקשן, דורך נאטורליכע אורזאכן. צפרדע, פרעש. פרעש זענען אינגאנצן נישט קיין נייע ערשיינונג ביי א טייך. דער פאקט אז פלוצלינג זענען דא אומצאליגע פרעש מוז נישט זיין א נס. מיר האבן אפילו דאקומענטירטע פעלער ווען פרעש האט ווי אראפגערעגנט פון הימל אויף געוויסע געגנטער. עס איז דא א בוך מיט'ן נאמען "לאו!" געשריבן דורך עפעס א משוגע'נער - טשארלס פארט איז געווען זיין נאמען - וואס איז ארומגעגאנגען זאמלען די סארט מעשיות. ער האט געשריבן אויך אנדערע ביכער. ער האט דאקומענטירט א פאל ווען א האגל פון פרעש האט אראפגערעגנט אין די טויזנטער.

## דער פירוש פון אברבנאל

אלזא, אויב אזעלכע זאכן קענען פאסירן, פארוואס זאל פרעה דאס נישט קענען אינגאנצן פארענטפערן אז צפרדע געווען א נאטורליכער רעזולטאט פון די מכה פון דם. דער טייך איז געווארן באוועגלאז און דערפאר האבן זיך אנטוויקלט פרעש. א טייך וואס איז פארשטילט געבט ארויס פרעש. א טייך וואס פליסט פריי און שנעל פארשוועמט אלע פרעש. זיי ווערן פארלוירן אין תהום. אבער ווען עס איז דא א באוועגלאזע וואסער טוען זיך די פרעש פארמערן.

די אמת איז אז לויט דער אברבנאל ערקלערט איז דאס וואס האט גאר פאסירט, אז די מכות איז געווען א צוזאמשטעל פון ניסים אינאיינעם מיט נאטורליכע אורזאכן [וואס ווערן אודאי אויך געפירט נאר דורכ'ן באשעפער]; ווייל וואסער וואס שטייט באוועגלאז איז דער נאטור אז עס זאלן ארויסקומען דערפון פרעש און ווען עס איז דא א מאנגל אין וואסער זיך צו באדן און וואשן די וועש, פארמערן זיך לייז. דער פלייץ פון חיות איז געקומען צו פארלאזטע שטעט פארפעסטעט מיט קרענק און פארשטונקענע וואסער און פון די לייז ביסן קענען זיך אנטוויקלען אייטער בלאטערן.

דער מלבי"ם איז נישט צופרידן פון די ערקלערונג פונעם אברבנאל, ער טענה'ט אז די מכות זענען געווען אינגאנצן ניסים חוץ לדרך הטבע. אבער פון דעם פירוש פינעם אברבנאל קענען מיר פארשטיין ווי אזוי פרעה האט זיך געקענט נארן און זען בלויז טבע אין די מכות.

# חלק ב. באלעבן און איגנארירן

## א לימוד פאר אונז

אלזא, מיר דארפן גוט צוליגן קאפ צו די מעשה ווייל ווי מיר ווען זען, איז עס אונז נוגע פונקט אזוי ווי עס איז נוגע געווען פאר פרעה. עס איז איז זייער וויכטיג פאר אונז דאס צו פארשטיין קלאר ווייל עס איז נישט בלויז אן ענין וואס מען לערנט אין חומש, ווייל יעדע פאסירונג וואס שטייט אין די תורה איז נישט סתם אן עפיזאד אין די תורה; ס'איז א תורה, א לערנונג פאר די צוקומפט, און מיר זענען ערווארטעט צו לעבן לויט די לערנונגען פון די תורה.

און איינע פון די לערנונגען דא איז אז דו קענסט בייזואוינען אומגלויבליכע ניסים, וואונדערליכע פאסירונגען און בלייבן פארטעמט און אומאנטציקט. למעשה, איז גוט אז מיר זענען נישט געווען אין מצרים. לאמיר זיך נישט נארן; אויב אונזער דור וואלט דארט געווען וואלטן מיר אויך געבליבן פאסיוו. אויף דם וואלט מען געזאגט די זעלבע ערקלערונג ווי פרעה און דאס גלייכן ביי צפרדע און כינים. עס וואלט אפגעלערנט געווארן מיט וויסנשאפטליכע און אזוי גערופענע וויסנשאפטליכע ערקלערונגען; מיר וואלטן נישט געזען דעם באשעפער דערין אזוי קלאר ווי מיר שטעלן זיך פאר.

## ניסים און מעדיצינישע שולע

צי דען גייט עס נישט אזוי היינט אויפ'ן זעלבן גאנג? אט איז א מעדיצין סטודענט אין לאבעראטאריע און זיין פראפעסאר זאגט אים אז א שטיקל טישו פון א מענטש האט געוויסע פונקציעס און עס קען טון דאס און דאס. אלזא, אויב וואלט ער געוואלט עפענען זיינע אויגן און זען, וואלט ער זיך אפגעשטעלט טראכטן איבער דעם - ווי אזוי קען דאס זיין אז דער שטיקל טישו קען ארויסגעבן ענזיימס וואס זענען נויטיג פאר'ן קערפער?!

מיר ווייסן פון כאטש טויזנט ענזיימס וואס זענען וויכטיג פאר אונזער געזונטהייט - טייל פון זיי האלטן אונז פאקטיש ביים לעבן! און זיי זענען טראנספארמירט אין פונקטליכע קאמפליצירטע צוזאמשטעלן. אויב וועט מען נעמען אלע באשטאנדטיילן פון די וועלט, אלע קאמבינאציעס און זיי ארייננשטעלן אין א ביליאן טעסט רערן, און זיי שאקלען ארויף און אראפ פאר א ביליאן יאר אונטער יעדן מעגליכן מצב פון טעמפעראטן און דרוק, וועט נישט פאסירן אז עס זאל באשאפן ווערן אפילו איין ענזיים. און דאך פארבלייבט דער מעדיצינישער סטודענט בלינד צו דאס אלעס, גארנישט אנדערש ווי פרעה איז געווען בלינד.

ער מאכט הארט זיין הארץ. דאס איז נישט אן ענין פון גלייבן אין עוואלוציע, איך רעד דא אפילו פון א פרומער בחור וואס לאכט זיך אויס פון עוואלוציע. אבער עס מאכט נישט אויס, ער לאזט נישט אז דער אצבע אלקים וואס באווייזט זיך גראד פארנט פון זיין פנים זאל משפיע זיין אויף אים. ער זעט נישט דעם באשעפער אין דעם ענזיים אדער אין דעם צעל אדער אין די מיקראבן.

דער אמת איז אז א היינטיגער מעדיצינישער סטודענט האלט מיט אין קאלעזש אותות ומופתים

וואס זענען פאקטיש גרעסער ווי די ניסים אין מצרים! נישט נאר א מעדיצינישער סטודענט, יעדער איינער פון אונז; בלויז דורך גיין אויף די גאס קען מען זען ניסים וואס זענען גארנישט ווייניגער ווי די מכות. דיביימער און בלעטער און די שניי און די רעגן זענען גארנישט ווייניגער אן אצבע אלקים ווי די מכות. די זאך איז נאר אז מיר קימערן זיך נישט צו קוקן; מיר קימערן זיך נישט צו טראכטן.

## ניסים אין דער נאטור

און דאס איז וואס מיר זאגן צו די אלע וואס דארפן באווייזן אויפ'ן באשעפער; זיי פרעגן, "פארוואס מאכט נישט דער באשעפער אזעלכע באווייזן היינט פונקט ווי דעמאלט? דאן וואלטן מיר געגלייבט! פארוואס פארוואנדלט ער נישט די טייכן אין בלוט יעדן טאג? פארוואס קומען נישט קיין פרעש ארויסצושטראמען פון דעם האדסאן טייך אין מאנהעטען און מאכן זייער וועג צו די טעאטערס און צו אלע זינדיגע פלעצער אין שטאט צענטער? דאס וואלט געווען א סצענע! אזוי וועט יעדער מענטש אין יעדן דור האבן אן עדות צום באשעפער און זיין כח.

אבער דער באשעפער זאגט, "זע, איך האב דיר שוין געגעבן די לערע. איך האב זיך שוין אנטפלעקט צו דיר. דאס קען נישט פאסירן צוויי אדער דריי מאל ווייל עס פארלירט זיין שטארקקייט, עס ווערט באדייטלאז. וויפיל מאל ווילסטו איך זאל ברעכן מייןווארט וואס טוט אנהאלטן דער נאטור?

"פארוואס גייסטו נישט ארויס אפלערנען די וועלט אין דעם וועג וואס איך האב עס געמאכט?" זאגט דער באשעפער, "דאס געזעץ אין נאטור, דאס איז וואס איך וויל נאכפאלגן! אלעס דארף גיין לויט די געזעצן פון נאטור וואס איך האב באשאפן. טייכן דארפן זיין וואסער, נישט א דומפיגע מאטריאל וואס פארפעסטיגט די פעלדער און פרעש דארפן זיין נאר אין געוויסע פראפארציעס. פרעש זענען זייער נוצבאר; פרעש כאפן קאמארן (מאסקיטאס), זיי זענען א טייל פון אן עקא סיסטעם. אבער אז עס וועלן זיין צופיל פרעש, וואס וועסטו טון דערמיט? ווי אזוי וועסטו פטור ווערן פון זיי?

"איז וואס ווילסטו? ברענגען נאך ניסים? דו וועסט רואינירן מיין גאנצע ווערק. איך ווייס ווי אזוי צו פירן מיין וועלט! דער נאטור באשטייט פון מיין ווארט!"

אייגנטליך איז נישטא אזא זאך ווי נאטור. דאס איז אלעס בריאה; ס'איז אלעס באשאפונג. און אויב איז עס באשאפן געווארן מיינט אז עס איז דא א באשעפער. 'נאטור' איז בלויז א גריכישער ווארט וואס די גריכן האבן אזוי געמאכט אויסזען כדי צו פארהוילן דער מציאות פון דעם בורא. כדי נישט צו רעדן פון באשעפער, האבן זיי געזאגט "נאטור" (כוזרי א:עז).

## סודות אין די וועלט

אבער מיר לערנען דא יעצט עפעס וואס קען זיין אן איבערראשונג פאר אייך. מיינט נישט אז דאס האט זיך אנגעהויבן ביי די גריכן צו באטראכטן אזוי די וועלט. אייגנטליך, דאס איז געווען דער פלאן פון באשעפער! הערט צו יעצט, ווייל איר גייט הערן א סוד פון די בריאה.

דער סוד פון אלעם אין די וועלט איז אז עס זאל זיין א סוד! דערפאר איז אדם הראשון געקומען נאך די גאנצע וועלט באשאף; אין די ערשטע זעקס טעג האט דער באשעפער באשאפן אלע זאכן דורך אומנאטורליכע אופנים. עס זענען נישט געווען קיין קערנדליך און דער באשעפער האט געמאכט ביימער שפראצן. גראז איז ארויסגעקומען! טייכן האבן זיך באוויזן! עס זענען געווארן

פרעש! דאס איז וואס די תורה לערנט אונז און סיי וועלכע אנדערע בילד מען שטעלט זיך פאר פון אנהייב פון דעם שורש פון לעבן אויף די וועלט, דארף מען ארויסנעמען פון קאפ. אלעס איז געווארן יש מאין, א זאך פון א גארנישט, און דער 'גארנישט' איז געווען דעם באשעפער'ס ווארט. און דאן, נאך זעקס טעג פון באשאפונג, דאן איז אדם געקומען. ווען אדם האט דאס ערשטע מאל געעפנט זיינע אויגן האט ער געזען א פארטיגע וועלט.

## לייכטע אמונה

אויב וואלטן מיר געווען אנוועזנד אין די דאזיגע זעקס טעג וואלטן מיר געווען איבערצייגט אין דעם באשעפער'ס מאכט אן קיין שאטן פון א ספק. דורכאויס דיין גאנץ לעבן, יעדע מאל דו וואלטסט געזען א גרעזל, וואלטסטו געזען דערין דעם אצבע אלקים. און דער אמת איז אז עס איז טאקע א קשיא: וואלט עס דען נישט בעסער געווען אזוי?

ווען אדם וואלט באשאפן געווארן גאנץ אין אנהייב און ער וואלט צוגעזען ווען דער באשעפער זאגט "**תדשא הארץ**" און "**תוצא הארץ**"; אאהא! וואלט דאס געווען א סצענע! ער וואלט געווען אזוי איבערצייגט מיט א געוואלדיגע קלארקייט און ער וואלט גערעדט דערפון צו זיינע דורות. נאך אלעם, "א בילד רעדט מער ווי טויזנט ווערטער", און די גאנצע וועלט וואלט ניצול געווארן פון אלע מעגליכקייטן פון טעותים.

אבער דעם באשעפער'ס פלאן איז געווען אז עס זאל נישט זיין אזוי לייכט. ער האט געזאגט אדם זאל קומען ווען אלעס איז שוין גרייט און אצינד עפנט ער זיינע אויגן צום ערשטן מאל און זעט א נאטורליכע וועלט, א וועלט וואס פונקציאנירט אליין.

## אן ארט פון נסיון

**אֲשֶׁר בָּרָא אֱלֹקִים לַעֲשׂוֹת** - '**אלקים**' האט באשאפן אז פון יעצט זאל אלעס פונקציאנירן 'פון זיך אליין'. דער רעגן סדר און די זומען און עסן און קינדער און וואלקענעס און בלומען און עפלעך און רויזן און אלעס - '**לעשות**' מיינט אז צום אויסזען פונקציאנירט די וועלט אליין, מיט דעם באשעפער אין הינטערגרינד. דאס מיינט אז דער באשעפער האט באשאפן זיין וועלט כדי צו פארנארן די מענטשהייט, עס צו מאכן פארהוילן, אז זיי זאלן נישט זען ווי אזוי די וועלט איז געווארן א מציאות.

דער באשעפער האט געוואלט אז די וועלט זאל זיין אן ארט וואו מ'זאל זיך קענען טועה זיין. דאס איז זייער א וויכטיגע נקודה וואס מיר רעדן יעצט. '**לעשות**' איז אייגנטליך דער וויכטיגסטער פאקט וואס מיר ווערן דערציילט איבער די גאנצע בריאה.

מען קען גארנישט פארשטיין ווען מען פארשטייט נישט די נקודה. די כוונה איז געווען צו מאכן די וועלט א פלאץ וואו מ'זאל זיך קענען טועה זיין, וואו דער אמת איז פארהוילן; א פלאץ וואו טאג איין טאג אויס וועסטו שטיין פאר א נסיון: צי וועסטו הארט מאכן דיין הארץ און איגנארירן אלעס ארום דיר אדער וועסטו קוקן און זען דעם אצבע אלקים אין די בריאה?

## אונזער לעבנסלענגליכע אויפגאבע

און טאקע דאס איז אונזער נושא ביים דאזיגן שיעור. אייגנטליך איז עס אונזער נושא פאר'ן לעבן: וואס איז א מענטש'ס אויפגאבע אויף די וועלט? צו זען וויפיל ער וועט זיך אנשטרענגען צו

אנטדעקן דעם אמת. דאס איז וואס דער מסילת ישרים זאגט (חלק א): **כל עניני העולם... הם נסיונות לאדם** - יעדע זאך אין די וועלט איז באשאפן געווארן כדי צו פרואוון דעם מענטש.

איינמאל דו פארשטייסט דעם ענין אז די וועלט איז געמאכט געווארן כדי צו פארהוילן דעם אמת און אז די מענטשהייט ווערט געשטעלט פאר א נסיון צו זען אויב זיי קענען דורכקוקן דורך דעם דיקן שלייער פון פארנארעריי וואס דער באשעפער האט אויפגעשטעלט, און אנערקענען די האנט פון דעם באשעפער, איז יעצט ביסטו גרייט צו ארויסגיין אין די וועלט - דו ביסט גרייט צו דורכגיין דעם נסיון. די וועלט איז פול מיט באווייזן אז דער באשעפער געפינט זיך דא, זייער שטארק אנוועזנד, און דו ביסט יעצט גרייט צו מאכן נוצן פון דעם אלעם.

און כאטש וואס די וועלט איז באשאפן געווארן אין אן אופן צו קענען קוקן דערויף ווי עס איז אליין צושטאנד געקומען - אלעס איז 'לעשות', עס פירט זיך אין א גאנג וואס זאכן חזר'ן זיך אליין איבער, כדי צו פארנארן מענטשן וואס טראכטן נישט - אבער אויב לערנסטו עס אפ אויפ'ן ריכטיגן אופן, וועסטו זען וואונדערליכע באווייזן פון די חכמה פון באשעפער, פון א פלאן און א ציל.

## זען און מצליח זיין

אבער די זעלבע ערשיינונג, דער וואונדער פון א פלאן און ציל וואס קען מאכן מענטשן אנערקענען דעם בורא, קען פארנארן די וועלכע זענען צו פויל, זיי מאכן צו שטארק פארהארטעוועט זייער הארץ צו זען דעם באשעפער איבעראל וואו זיי גייען. ווי א געוויסער עוואלוציאניסט האט אמאל געשריבן; ער האט געזאגט אז די וועלט איז פול מיט די מערסטע קאמפליצירטסטע און וואונדערליכסטע דעזיין. איר הערט דאס? דעזיין. אבער ער האט קיינמאל נישט געמאכט דער קומענדיגער אויספיר אז אויב עס איז דא א דעזיין מיינט עס אז עס איז דא א דעזיינער. מ'קען נישט האבן קיין דעזיין אן א דעזיינער. זיי זאגן, "קוקט דערויף נאטורליך," און דאס מיינט אז זיי ווערן פארנארט אויף א מורא'דיגן אופן.

אבער די פון אונז וועלכע ווילן מצליח זיין, ווייסן אז אפילו בלויז דורך שפאנען אויף די גאס קען א מענטש זען ניסים וואס זענען גארנישט ווייניגער ווי די מכות. די גאנצע בריאה איז געמאכט געווארן אלס א געלעגנהייט צו אנערקענען דעם בורא און ווער עס וויל זען דעם באשעפער, קען זען דעם באשעפער אין די נאטור. צו זען א בלום (דעיזי) וואקסן פון א שפאלט אין די ערד אין א זומער טאג, בלעטער פאלן אין הערבסט און שניי פאלט אין א ווינטער טאג, איז גארנישט ווייניגער אן אצבע אלקים ווי מכת דם. פרילינג צייט, זומער צייט, ווינטער צייט, עס מאכט נישט אויס; דו קענסט זען דעם באשעפער אויף אלע זייטן, אויב ביסטו אמת'דיג אינטערעסירט צו זען דעם אמת.

# חלק ג. ביילעבן און לערנען

## א שפאציר מיט הרב מיללער

אלזא, אויב קענסטו עס נישט טון אליין, קום צו מיר איין טאג און איך וועל שפאצירן מיט דיר צוזאמען; איך וועל דיר ווייזן עפעס וואס קען עפענען דיינע אויגן פונקט אינעם זעלבן אופן ווי מכת דם, צפרדע און כינים. איך וועל דיר ווייזן א קוסט פון רויזן. זייט נישט אנטוישט דאס צו

הערן - איך האב געהאט אזא שפאציר מיט אפאר בחורים און זיך אפגעשטעלט ביי אפאר קוסטן פון רויזן און איך האב געזאגט, "קוקט אויף די דערנער וואס וואקסן אויף די רויזן. דער רויז איז א הערליכער בלום און ווען מיר גייען פארביי קענען מיר האבן א דראנג - אפשר נישט אונז, אבער מעגליך אן אנדער מענטש קען האבן א יצר הרע צו אויסרייסן א קוסט און עס מיטנעמען מיט זיך און איינפלאנצן אין זיין גארטן.

"אבער ווען ער וועט פרובירן עס צו נעמען, וועט ער זען אז דער רויז איז באוואפנט. די אלע דערנער אויף דעם רויזן קוסט זענען געצילט אויף אראפ, אזוי אז ווען ער פראבירט עס צו שלעפן ארויף, טרעפט ער זיך מיט א קבלת פנים קאמיטע גרייט אים צו באגריסן, פונקט אין די ריכטיגע פאזיציע. ער שלעפט אויף ארויף און די שפיצן פון די דערנער שטעכן אויף אראפ אויף זיין האנט און ער טוישט זיין מיינונג; ער לאזט אפ דעם רויזן קוסט."

למעשה, קען זיין אז פיל פון אונז גייען פארביי רויז קוסטן נאכאמאל און נאכאמאל און אפילו איין מאל טראכטן מיר נישט איבער דעם אצבע אלקים. מיר ווילן זיך נישט אפשטעלן צו באמערקן די שפיצן פון די דערנער. ס'איז אן אינטערעסאנטע זאך ווייל אין נאטור ווערן נישט קיין שפיצן פערצופאל. אויב איז עס שפיציג, איז דא דערביי א ציל. אפילו די רשעים פארשטייען דאס. זיי ווילן דיר זאגן אז דער ציל איז צו באשיצן דעם געוואוקס. אבער פונקט ווי פרעה, פארזעען זיי די גאנצע נקודה. מיר דארפן טראכטן פון ווער איז דער וואס באשיצט דעם געוואוקס. דער געוואוקס האט נישט קיין שכל. דאס איז דעם באשעפער'ס דעזיין! ס'איז די האנטווערק פון דעם דעזיינער.

## דער עפל פאלט נישט ארויף

בלויז צו באמערקן די דערנער און באוואונדערן די נאטור אן צו דערקענען דעם אצבע אלקים? דערלייגט מען אלעס. ס'איז ווי די פירונג פון דעם וויסנשאפטלער ניוטאן. ווי עס ווערט דערציילט איבער אים אז ער איז געזעסן אונטער אן עפל בוים, ווען אן עפל איז אראפגעפאלן אויף זיין קאפ. דאן האט ער אנגעהויבן טראכטן, "אה! פארוואס איז עס געפאלן אראפ - פארוואס איז עס נישט געפאלן ארויף?" ער איז געווען א פארשער מיט אן אינטערעסע אין ענערגיע וויסנשאפט, האט ער טיף ארייגעקלערט, פארוואס אייגנטליך איז דער עפל טאקע נישט געפאלן אויף ארויף? דאס האט אים געפירט צו אנטדעקן דעם כלל פון א צי-קראפט. די ערד איז גרעסער ווי דעם עפל, דערפאר ציט די ערד דעם עפל צו זיך. אה! אזא גרויסע חכמה!

טראץ די קלוגע אנטדעקונג האט ניוטאן געמאכט א גרויסן טעות. ער איז נישט געגאנגען גענוג ווייט. ער וואלט זיך געדארפט פרעגן נאך שאלות: פארוואס איז עס בכלל געפאלן? עס וואלט געדארפט פארבלייבן אויפ'ן בוים! די צווייגן פאלן נישט אראפ איז פארוואס זאל דער עפל אראפפאלן? און פארוואסווארט עס ביז עס ווערט רייף? פארוואס איז עס נישט אראפגעפאלן ווען עס איז נאך געווען גרין, נאר עס האט געווארט ביז עס איז געווארן רייף און זיס און ווייך און דאן איז עס אליין אראפגעפאלן?

דער וויסנשאפטלער וואלט געדארפט טראכטן איבער דעם נס. ווי אזוי איז דאס אז פאר חדשים און חדשים, ווילאנג דער עפל איז נאכנישט געווען רייף, האט זיך עס פעסט אנגעהאלטן אינעם בוים און דאן, וויבאלד עס איז געווארן גרייט צום עסן, האט עס אנגעהויבן אראפפאלן? דאס מיינט

אז דער עפל בוים ווייסט אז דו האסט נישט קיין פליגלען, אז דו קענסט נישט ארויפפליען דערצו צו אפרייסן דעם עפל?

ניין! דאס מיינט אז אז עס איז דא א באשעפער וואס דיקטירט דעם עפל בוים!

אה! די אנטדעקונג וואלט פארוואנדלט ניוטאן אין א גאר גרויסער מענטש. אבער ער איז נישט געווען גענוג גרויס צו אנקומען דערצו. צו אנטדעקן דעם כלל פון א צי-קראפט, דאס האט ער געקענט אבער דעם כלל פון אצבע אלקים האט ער נישט אנטדעקט.

## א וואונדערליכע סצענע

האבן די בחורים מיט מיר געמאכט זיכער נישט צו מאכן דעם טעות. מיר זענען געשטאנען ביי דעם רויזן קוסט און באוואונדערט די בריאה פון באשעפער. דאס איז וואס מיר דארפן טון. גיי נישט פארביי! יעדע רויזן קוסט וואס דו זעסט איז א גלענצנדע געלעגנהייט.

נישט נאר רויזן! אלעס! צי האסטו אמאל געזען אן עפל אראפהענגען פון די צווייגן? ווען אן עפל באווייזט זיך אויף א בוים, זאלסטו טיף אריינאטעמען און טראכטן:' אן עפל אויף דעם בוים?! ווי אזוי האט דאס פאסירט?' איך בין געווען פערציג יאר אלט דאס ערשטע מאל וואס איך האב געזען עפלעך וואקסן אויף א בוים. איך בין געווען א שטאטישער אינגל; איך האב קיינמאל נישט געזען עפלעך אראפהענגען פון א בוים.

א שטאטישער אינגל ווייסט פון עפלעך וואס 'וואקסן' אין די גרויסע קעסטלעך אינעם פרוכט געשעפט, דאס אלעס. אבער איך בין אמאל געווען אין א שול, איך פלעג דארט דאווענען אינדערפרי, און איך בין געווען דער איינציגסטער כהן. איך האב נישט געוואלט מאניפולירען די עליות, פלעג איך פאר קריאת התורה ארויסגיין אין הויף אז איך זאל נישט אויפגערופן ווערן צו די תורה. אינעם ערשטן טאג וואס איך בין ארויס האב איך געזען א סצענע: א בוים, און רויטע עפל זענען אראפגעהאנגען פונעם בוים! איך בין געווען ערשטוינט! איך האב נאך קיינמאל פריער נישט געזען אזא זאך! דאס איז געווען אן אצבע אלקים, גארנישט ווייניגער ווי די מכות. מיר דארפן אריינגעמען אין אונזערע קעפ אז דער באשעפער רעדט צו אונז פון די רויזן קוסט און דער עפל בוים פונקט ווי דם און צפרדע האבן גערעדט אין מצרים.

## דער בין און איר פאבריק

אלזא, בשעת מיר זענען געשטאנען דארט ביי דעם רויזן קוסט האבן מיר געזען א בין פליען צו אונזער ריכטונג, ווייל די בין האט געוואלט אויסזויגן אביסל זאפט פון א רויז. מיר האבן באטראכט ווי די בין קריכט אריין אין די רויז צו ארויסבאקומען די זאפט, און בלומען שטויב איז געפאלן אויף אירע פליגלען בשעת זיי האבן זיך באוואיגן אויף די רויז בלעטלעך.

אט האבן מיר געזען א וואונדערליכע זאך. די בין האט בלויז געטראכט פון באקומען זאפט צו מאכן האניג, אבער בשעת זי האט דאס געטון, האט עס מיטגעברענגט שטויב פון אן אנדערער בלום ווייל א רויז קען נישט אליין ארויסגעבן שטויב - עס דארף האבן שטויב פון אן אנדערער בלום. און אזוי, די שטויב וואס די בין האט מיטגעברענגט פון ערגעץ אנדערש האט זיך אריינגעריבן אויף דעם בלום און די שטויב וואס עס האט געגומען פון די רויז וועט געפירט ווערן צו אן אנדער ארט צו ווערן דארט ארויפגעריבן אויף א בלום. אזוי איז די בין א שליח פון באשעפער.

און דאס איז בלויז א טייל פון די מעשה. אויב באטראכסטו גוט די פיס פון די בין, זעט מען אז זי האט קליינע קערב אויף אירע פיס און קליינע בערשטלעך. דאס איז א פאקט, עס האט קערב און בערשטלעך. ווייל זי דארף האבן בלומען שטויב. אויסער די שטויב וואס זי זאמלט איין דרך אגב'דיג, דארף זי עס האבן אויף אהיימצונעמען. זי מאכט בלומען שטויב קוכנס פאר די אייער אינעם בינענשטאק. צי האט עס פאסירט פערצופאל אז די בין האט בערשטלעך און קערב? עס איז סתם אזוי געווארן אזוי?

## דאנדעליאן בלומען ניסים

איך האב אויפגעהויבן א דאנדעליאן בלום פאר די בחורים מיט וועמען איך בין געוועזן אויף דעם שפאציר. א דאנדעליאן האט צוויי שטאפלען: עס איז דא א געלער בלום שטאפל און עס איז דא א שטאפל ווען עס איז אין די זומען באל; א קאלירלאזע גרויע זומען באל שטאפל.

איך האב זיי געוויזן אז דער זומען באל וואקסט אלעמאל העכער ווי דער געלער בלום. נאך וואס עס לאזט ארויס די בלומען שטויב, ווערט דער בלום פארוואנדלט צו א גרויער זומען באל, און דאן שפרינגט עס ארויף פיל העכער ווי עס איז געווען ווען עס איז געווען א געלער בלום. פארוואס איז דאס? ווייל ווען עס איז א זומען באל, דארפן קליינע פאראשוטן ארויסגעבלאזן ווערן דערפון, צו גיין ערגעץ אנדערש און איינפלאנצן נאך זומען, מער בלומען. אויב דער זומען באל וואלט געוואקסן אויף די זעלבע פאזיציע ווי דער געלער דאנדעליאן, וואס איז נידריג צווישן די גראז, דאן וואלטן די פאראשוטן פארכאפט געווארן ערגעץ אין די גראז. דערפאר, ווען עס קומט צום זומען באל שטאפל, טאנצט עס ארויף העכער די גראז און יעצט האט עס נישט קיין גראז ארום זיך. עס האט א פרייען פעלד אויף אלע זייטן פאר זיינע פאראשוטן צו ארומפליען.

איך האב אויפגעהויבן א זומען באל און געבלאזן דערויף און **100** פאראשוטן זענען ארומגעפליגן אין די לופט ארום אונז. עס איז געווען א שטוינענדע סצענע. די בחורים האבן געשטוינט ווען זיי האבן דאס געזען. איין בלאז און הונדערט פאראשוטן מיט קליינע זומען פעקעלעך פון אונטן זענען ארויסגעפלויגן צו די לופט, יעדע איינע פערפעקט באלאנסירט דורכ'ן ווינט.

יעדע איינע פון זיי איז געווען גרייט פאר זיין מיסיע צו ארויסגיין אפילו מיילן ווייט. זיי קענען אפילו אריבערפליען דעם ים; די זומען זענען באשיצט מיט א הארטע באשיצונג, אז עס קען ביישטיין די געזאלצענע ראסל פונעם ים. און אויב דער ים וועט עס אריבערשטויסן צו די בארטנס פון פראנקרייך אדער ענגלאנד, דאן באלד ווי עס וועט שמעקן די ערד, וועט זיך די באשיצונג עפענען און עס וועט אנהייבן צו וואקסן. עס פלאנצט זיך איין א קליינער ווארצל אין די ערד און א קליינער שטאם שטעקט זיך ארויס אונטער די זון און עס הייבט אן א נייע מיסיע.

## אן אנדערער בליק

אלזא, איינמאל דו עפנסט דיינע אויגן און דו הייבסט אן צו קוקן אויף די זאכן, עפנט זיך אויף דיין קאפ, און דו הייבסט אן צו זען דעם באשעפער אין די גאנצע בריאה. דו זעסט **מעשי ידיו של הקדוש ברוך הוא** וואו אימער דו קוקסט.

זיכער ביי מערסטנס מענטשן ווען דו זאגסט זיי די אלע פאקטן, מאכט עס נישט דעם מינדעסטן איינדרוק אויף זיי ווייל זיי זענען אזוי אפגעשטארבן דורך אפיקורסות. פרומע מענטשן מיט שווארצע היטן און פיאות קענען אינערליך זיין אפיקורסים. זיי וייסן, זיי ווייסן; זיי מיינען אז זיי

וויסן אלעס. אבער זייער וויסנשאפט איז ממש גארנישט ווייל זיי טראכטן בכלל נישט פון זען דעם באשעפער ארום זיך - ס'איז די זעלבע ווי אזוי פרעה האט אלעס געזען, אין איין אויער אריין און ארויס פון אנדערן.

פאר זיי איז זייער שווער צו דערהערן אז אלעס וואס מיר רופן 'נאטור' איז אויסגעפלאנט אלס א נסיון; ס'איז א פארהער, א געלעגנהייט צו דערגרייכן הויך. און דאס איז אן אויפגאבע וואס ענדיגט זיך קיינמאל נישט. ווייל צו זיין איין מאל איבערצייגט איז נישט גענוג. ס'איז אן עבודה וואס מוז אנגיין דורכאויס אונזער גאנץ לעבן.

## אלעמאל און איבעראל

און דערפאר, אויב א שומר תורה ומצוות וועט דיר זאגן, "פארוואס זאל מען פארברענגען די צייט צו דורכטון די אלע זאכן? אויב ביסטו שוין איבערצייגט, דאן זיי ווי אונז און יעצט זיי אלעס מקיים און פארגעס פון זוכן נאך איבערצייגונגען." דער ענטפער איז אז דאס איז נישט די שיטה פון די ראשונים. די ראשונים זאגן אז עס איז קיינמאל נישטא צופיל באוויזן! ווייל עס איז א מצוה צו זען זאכן מער און מער קלאר, ביז צו דיין לעצטן טאג.

און פונקט ווי ווען דו וועסט זיין אן אלטער איד וועסטו נאך ווייטער רעדן פון די מכות אין מצרים - **אפילו כלנו זקנים**; אויך אלטע לייט מוזן זיצן א גאנצע נאכט און רעדן פון די מכות - צו זען דעם באשעפער אין די וועלט ארום אונז איז גארנישט אנדערש, ווייל יעדע מאל גייט עס אריין אין דיינע ביינער מער און מער.

איז אויב ביסטו אן אלטער מאן און מארגן וועסטו קוקן און דו וועסט זען אז עס איז דא א דעיזי בלום וואס שפראצט ארויס פון א שפאלט אין די ערד, וועסטו נישט פארהארטעווען דיין הארץ. א דעיזי בלום באווייזט זיך נישט סתם אזוי. פון וואו קומען די דעיזי בלומען? דו ווייסט ווי אזוי א דעיזי בלום וואקסט ארויס? דאס איז ניסים אויף ניסים. דאס איז צו א לאנגע שמועס פאר זיך - אפשר א צווייטע מאל וועלן מיר פארברייטערן אויף דעם. אדער אפשר זאלט איר אליין טראכטן איבער דעם דאס קומענדיגע מאל וואס איר זעט א דעיזי בלום.

## א וועלט פון ניסים

נאכ'ן מיטהאלטן דעם שיעור ביסטו נאכנישט גרייט. דו דארפסט פראקטיצירן דעם עבודת ה' יעדן טאג, וועסטו ווערן איינגעוואוינט צו אנערקענען דעם באשעפער אין די וועלט.

דו דארפסט נישט האבן דערצו קיין ביכער; דו דארפסט נישט האבן קיין ביבליאטעק. דאס גאנצע וואס דו דארפסט איז עפענען די אויגן און אויפהערן הארט מאכן דיין הארץ און דו וועסט קענען אנטפלעקן דעם באשעפער.

און פאר די מענטשן וועלכע האבן אויגן איז די וועלט פול מיט אזעלכע ניסים. דו דארפסט נישט זען טייכן ווערן פארוואנדלט אויף בלוט צו זיין א מאמין. די מכות אין מצרים דינען בלויז אלס אביישפיל צו עפענען די אויגן און אונז לאזן וויסן אז עס וועט גארנישט העלפן פאר דעם מענטש וועלכער וויל נישט זען. אבער פאר דער מענטש וועלכער זוכט דעם אמת, ענטהאלט פאר אים די וועלט ניסים אן א צאל! עס איז נישט איבערגעטריבן צו זאגן אז די ניסים וואס דער באשעפער ווייזט אין די וועלט ארום אונז זענען גארנישט ווייניגער ווי די ניסים אין מצרים!

# שאלות ותשובות
## מיט הגאון ר' אביגדור מיללער זצ"ל

**שאל אביך ויגדך זקניך ויאמרו לך**

## שאלה:

**זאל א מענטש עסן פלייש יעדן טאג?**

## תשובה:

באמת, דאס איז נישט מיין פאך - איך בין נישט קיין געזונטהייט ספעציאליסט. אבער איך וועל בלויז זאגן אזוי: אין צוגאב צו האבן א דייעטע פון אן אויסוואל פון פארשידענע סארטן מאכלים, נישט בלויז איין סארט, דארף יעדער ארבעטן אויף זיך נישט צו ווערן פארקנעכטעט צום נאכטמאל טיש. מיר עסן מיט'ן ציל צו זיין געזונט. דער רמב"ם זאגט, מען דארף עסן דאס וואס איז גוט פאר'ן געזונט. ער דריקט זיך אויס, "**לא ככלב או כחמור**', נישט ווי א הינט אדער אן אייזל וואס זיי עסן וואס איז זיי געשמאק. חיות עסן וואס איז געשמאק אבער מיר דארפן עסן וואס איז גוט פאר אונז.

דערפאר איז די איינציגסטע עצה וואס איך קען געבן: עס וואס איז געזונט פאר דיר, וועט דאס פאררעכנט ווערן ווי עבודת ה', אויב וועסטו צולייגן די מחשבה פארוואס דו עסט. ווי עס שטייט אין שלחן ערוך אז מען דארף עסן מיט די כוונה '**כדי שאוכל לעבוד את ה'**", אז דו זאלסט האבן כח, ענערגיע, צו קענען דינען דעם באשעפער. מען דארף דאס אלעמאל טראכטן. איך וואלט פארגעשלאגן אז דו זאלסט עס אויך זאגן ווען דו הייבסט אן עסן. ס'איז נישט קיין שלעכטער געדאנק, נאר דיין ווייב זאל עס נישט הערן - זי וועט לאכן פון דיר. אדער וועט דיין מאן לאכן פון דיר. אבער דו זאלסט עס סייווי זאגן, אפילו אויב זיי וועלן לאכן: "איך גיי יעצט עסן כדי שאוכל לעבוד את ה'". דאס איז וואס דער שלחן ערוך זאגט. דו עסט כדי צו קענען דינען דעם באשעפער.